בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

## כי תשא
שנה ב'




כל הזכיות שמורות

# ריכטיגע באגייסטערונג

## חלק א: באגייסטערונג וועלט

### א קול פון א גערודער

**ווען** משה רבינו און יהושע בן נון זענען אראפגעקומען פון דעם הר סיני, דערציילט אונז די תורה אז זיי האבן געהערט א גערודער; הויכע קולות האבן זיך דערטראגן פונעם לאגער פון די אידן. אֶת קוֹל הָעָם בְּרֵעֹה - דאס קול פונעם פאלק איז געווען מיט אן אויסגעשריי. האט משה געזאגט צו יהושע, "וואס איז דאס קול פון אויסגעשריי וואס זיי שרייען דארט אין לאגער? אֵין קוֹל עֲנוֹת גְּבוּרָה - דאס איז נישט א קול פון נצחון, וְאֵין קוֹל עֲנוֹת חֲלוּשָׁה - און אויך נישט קיין אויסגעשריי פון ווערן באזיגט; קוֹל עַנּוֹת אָנֹכִי שֹׁמֵעַ - נאר א קול פון אן אויסגעשריי הער איך" (לב:יז,יח).

אֵין קוֹל עֲנוֹת גְּבוּרָה - דאס איז נישט א קול פון מענטשן וואס שרייען מיט דאנק צום באשעפער ווייל זיי האבן געהאט א נצחון. "דאס קען איך פארשטיין," האט משה געזאגט, "אויב זיי וואלטן געשריגן צום באשעפער, 'הודו לה' כי טוב!' - דאנקענדיג דעם באשעפער צוליב א געוויסע הצלחה און זיי טוען דאס אויסשרייען - דאס איז זייער גוט, דאס איז צוליב וואס שרייען איז געמאכט געווארן."

וְאֵין קוֹל עֲנוֹת חֲלוּשָׁה - דאס איז אויך נישט א קול פון שרייען צום באשעפער פון שוואכקייט. אויב א מענטש האט מורא אז ער וועט פארלירן א שלאכט און ער שרייט צום באשעפער ער זאל אים העלפן, דאס איז אויך גוט. נישט נאר ביי שלאכטן אין מלחמה; ווען מענטשן ליידן חלילה סיי וואספארא סארט אומגליק און זיי ווערן אויפגעברויזט; זיי מאכן א גערודער און שרייען צום באשעפער, די סארט אויפרודערונג איז באליבט ביים באשעפער. דאס איז זייער בארעכטיגט ווייל דורך זיך בעטן ביים באשעפער ווייזט מען אז ער איז דער וואס קען העלפן.

"אבער דא," האט משה רבינו געזאגט, "דאס איז נישט א קוֹל עֲנוֹת גְּבוּרָה און עס איז נישט א קוֹל עֲנוֹת חֲלוּשָׁה. דאס איז א קוֹל עַנּוֹת אָנֹכִי שֹׁמֵעַ - דאס גאנצע וואס איך הער איז א קול פון א גערודער; א ליידיגע צעהיצטקייט."

### אייער שטאנד ווענדט זיך אין דעם

**זיי** האבן געטאנצט ארויף און אראפ ארום דעם עגל, מאכנדיג א גערודער איבער גארנישט. סתם א גערודער?! דאס איז זייער א גרויסער זינד! דער עגל איז גראדע נישט געווען קיין עבודה זרה, ווי דער כוזרי

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

און דער רמב"ם ערקלערן. אבער דאך איז עס געווען א גארנישט! זיי האבן געמאכט א גרויסן גערודער איבער גארנישט! אויף די וועלט דארף מען ווערן אויפגעהייטערט נאר איבער דעם באשעפער. אויב איז מען באגייסטערט איבער עפעס אנדערש, מיינט דאס אויפגעהייטערט אויף גארנישט. צו זיין באגייסטערט אויף זאכן אין די וועלט וואס האבן נישט קיין פארבינדונג מיט'ן באשעפער - דאס אליין איז שוין אזוי ווי דינען עבודה זרה. "איך זאל אראפברענגען די תורת ה'," האט משה רבינו געטראכט, "צו א פאלק וואס ווייסט נישט איבער וואס צו ווערן באגייסטערט?!"

מיט די פאר ווערטער, קוֹל עֲנוֹת אָנֹכִי שֹׁמֵעַ - איך הער א קול פון ליידיגע אויפגעהייטערטקייט," לערנט אונז משה רבינו א מהות וואס מיר דארפן קונה זיין - מיר דארפן אכטונג געבן איבער וואס מיר ווערן באגייסטערט. צו זיין ווארעם צו א זאך, דארף עס א בארעכטיגונג - דער געפיל פון באגייסטערונג האבן מיר באקומען בלויז אויף צו ניצן ביי ענינים פון עבודת ה'. דאס מיינט אז א קוֹל עֲנוֹת - א קול פון אויפגעהייטערטקייט איבער גארנישט, איז אן ערנסטער טעות ווייל אייער שטאנד אויף די וועלט ווענדט זיך איבער וואס איר ווערט באגייסטערט.

## וואס באדייט הלל?

**דוד** המלך זאגט דאס נאכאמאל און נאכאמאל, נאר מיר לייגן נישט קיין אויפמערקזאמקייט דערצו. מיר זאגן דאס אויך נאכאנאנד: הללוקה! וואס מיינט די ווארט 'הלל'? עס מיינט נישט בלויז דאס וואס מענטשן קלערן, "צו לויבן." עס איז דא א גרויסער חילוק צווישן די ווארט 'הלל' און אלע אנדערע ווערטער פון לויב: לְשַׁבֵּחַ לְפָאֵר לְרוֹמֵם לְהַדֵּר לְבָרֵךְ לְעַלֵּה וּלְקַלֵּס. יעדע פון די ווערטער זענען אן אנדער סארט לויב, אבער הלל מיינט פיל מער ווי דאס.

די ווארט הַלֵל מיינט "ארויסגיין פון די גלייזן". ווי אזוי ווייסן מיר דאס? אָמַרְתִּי לַהוֹלְלִים אַל תָּהֹלּוּ - "איך האב געזאגט צו די וואס זענען ארויס פון די גלייזן, 'גיי נישט ארויס פון די גלייזן'" (תהלים עה:ה). 'הלל' איז א סארט ווארט וואס דריקט זיך אויס דורך דאס קול פון די ווארט אליין. די ווארט איז פאסיג צו דער באדייט פון שרייען - עס איז א ווארט פון אויפגעהייטערטקייט! ווען מענטשן ווערן אנגעטרונקען זאגן זיי "הלל" - נאר געווענליך איז דאס אבער נישט צום באשעפער. זיי שרייען "הלל! הלל!" איבער נישט פאסיגע זאכן; 'הלל' אויף מוזיק און 'הלל' אויף ווין און 'הלל' אויף שפילערייען - אדער אנדערע ענליכע זאכן.

## ארויס פון די גלייזן איבער וואס?

**אבער** ווען מיר זאגן 'הלל', זאגן מיר 'הללו-קה'; דאס מיינט צו 'הוליע'נען! ווילד ווערן מיט'ן באשעפער'. דוד המלך זאגט, "יא, איר דארפט שרייען אויף די וועלט! אבער איבער וואס זאלט איר שרייען? הללו-קה! שריי אויס מיט אן אויפגעהייטערטע שמחה נאר צום באשעפער! זייט אויפגעהייטערט נאר איבער דעם באשעפער. הללו-קה!! דאס איז אייער אויפגאבע אויף די וועלט!"

דאס איז די ערשטע מאל איר הערט דאס? דאן זענט איר גליקליך אז איר הערט דאס כאטש יעצט! הללו נפשי מיינט, מיין זעל זאל ארויסגיין פון די גלייזן איבער דעם באשעפער. נישט בלויז דו לויבסט דעם באשעפער - דו ביסט באגייסטערט!

אין קהלת (ב:ב) זענען מיר דעם פסוק: לִשְׂחוֹק אָמַרְתִּי מְהוֹלָל וּלְשִׂמְחָה מַה זֹּה עֹשָׂה. שלמה המלך דערציילט אונז דא אז ווען ער האט אריינגעטראכט איבער דער ענין פון לאכן, האט ער געזאגט אז דאס איז מְהוֹלָל, בלויז א ווילדקייט. וּלְשִׂמְחָה - און זיך פרייען, מַה זֹּה עֹשָׂה - וואס טוסטו אויף דערמיט? דאס מיינט אז זיך פרייען אן א גוטע סיבה איז פשוט נאריש. און וואס ווערט באטראכט ווי א גוטע סיבה? די גמרא (שבת

(ל:) זאגט אז דאס גייט ארויף אויף 'שמחה שאינו של מצוה', א פרייד וואס איז נישט פאר עבודת ה'. אבער אויב איז דאס א שמחה של מצוה, צו דעם איז שמחה געמאכט געווארן; צוליב דעם איז דער כח, דער געפיל פון פרייד געגעבן געווארן פאר דיר. אבער ווען נישט, מַה זֹּה עֹשָׂה, וואס איז דאס ווערד? איבער וואס ווערסטו אויפגעהייטערט?

## ארויסגיין פון די גלייזן איבער א ברכו

**און** דאס איז וואס דוד המלך האט געזאגט הַלְלִי נַפְשִׁי - איבער וואס זאל מיין זעל ארויסגיין פון די גלייזן? אֶת ה' - נאר איבער דעם באשעפער. אלעס אנדערש איז וּלְשִׂמְחָה מַה זֹּה עֹשָׂה - עס איז אבי זיך געפריידט. נאר ווען עס איז פארבונדן צו הקדוש ברוך הוא איז דא א סיבה צו זיין אויפגעהייטערט.

דערפאר, זאלט איר ווערן אויפגעהייטערט נאר איבער עפעס וואס דער באשעפער פריידט זיך דערמיט. שמחת תורה ווען מען נעמט ארויס א ספר תורה פון דעם ארון הקודש און יעדער שפרינגט און שרייט פאר'ן כבוד פון די תורה, יא! וויפיל כח איר האט זאלט איר ארויסגעבן דערפאר. נישט נאר שמחת תורה. פארוואס זאל דאס נישט זיין יעדע מאל איר זאגט ברכו? זאגט עס מיט אויפגעהייטערטקייט! מיר זאגן אלע אינאיינעם, 'ברכו את ה' המבורך' - לאמיר אלע לויבן דעם באשעפער אינאיינעם! מיר טוען דאס נישט בלויז אלס א פליכט. מיר טוען עס מיט א חשק; מיר גייען ארויס פון די גלייזן. עס זענען טאקע דא ערטער וואו דאס ווערט געזאגט אויף א צעשטורעמטער שטייגער. ווען מען קוקט דאס צו פון די זייט זעט עס אפשר אויס אינטערעסאנט, אבער אזוי איז דער וועג ווי אזוי זיי טוען עס.

## ראש השנה אין סלאבאדקע

**איך** געדענק מיינע ישיבה טעג אין אייראפע. ווען מיר האבן געזאגט ברכו ראש השנה ביינאכט, איז דאס טאקע געווען צעשטורעמט. דער ש"ץ איז ארויף צום עמוד און געזאגט, 'ברכו את ה' המבורך' שטילערהייט - אזוי איז דאס געווען, עס איז נישט געווען קיין ניגון - אלעס איז געטון געווארן מיט מחשבה, מיט אן אויסגערעכנטער גאנג. אבער דאן האט דער קהל געענטפערט; די ישיבה לייט האבן אנגעהויבן שרייען: "ב-ר-כ-ו!" וואספארא געוודער! זיי האבן אויפגעהויבן דעם דאך און געקאפעט מיט די פיס. זיי זענען באמת ארויס פון די גלייזן איבער דעם באשעפער! מיר טרעטן אריין אין ראש השנה, אינעם יום הדין, און מיר קומען רעדן צום באשעפער צו אויסדריקן אונזער ליבשאפט צו אים, אונזער דאנק און אונזער האפענונג אז ער וועט אונז באשערן נאך א יאר פון לעבן, און אזוי האבן מיר געשריגן צו אים! יעדער האט געשריגן!

## א צוזאמקום ביים שפיל פלאץ

**איך** שטעל זיך פאר אז אויב א פרעמדער וואלט אריינגעקומען ביי אונז אין ישיבה וואלט ער געכאפט בלויז איין בליק און וואלט געזאגט, "דא איז א משוגעים הויז." דאגעגן ווען ער וועט גיין צו א בעיסבאל שפיל און הערן די שפילערס שרייען איבער נארישקייטן, וועט ער דאס נישט זאגן. אה ניין, בעיסבאל - דאס איז וויכטיג! ווען איין שפילער ווארפט די באל און דער מענטש ביי די באזע געבט עס א שיס צוריק מיט זיין העלצל, ווערט יעדער צעווילדעוועט: "אהההההההה!" זיי קאפען מיט די פיס און ווערן אונטערגעצונדן - זייער בלוט ווערט אנגעהיצט פון באגייסטערונג. א גאנצע גרופע פון משוגעים ווערן ווילד מיט א קול ענות, איבער גארנישט - דאס פארשטייען שוין מענטשן. אבער ווען מען קומט אין א שול וואו ערליכע אידן גייען ארויס פון די גלייזן פון א 'ברכו את ה' המבורך', דאס קען מען נישט דערהייבן, דא פרעגט מען מיט וואונדער, "וואס איז דאס? וואס גייט דא פאר?"

אלזא, זאגן מיר אים, ״אנטשולדיגט, איר זענט גערעכט. דא ווערן מיר משוגע פאר'ן באשעפער. און דערפאר ווען איר קומט אהער אריין, גייט איר ארויס משוגע.״ ווייל וואס מאכט **אייך** באגייסטערט?! דאס אז א מענטש קען נעמען א שטעקן און קלאפן א באל אזוי ווייט אז עס פליט אריבער די וואנט.

צי האט ער בכלל א קאפ? צי האט ער דען אביסל שכל? אז ער קען געבן א פאטש! דאס איז באגייסטערונג פון גארנישט!

שטעלט זיך פאר ווען די אלע געשרייען, די אלע געפילן פון באגייסטערונג, וואלטן ארויסגעגעבן געווארן צו שרייען איבער דעם באשעפער. שטעלט זיך פאר ווען טויזנטער אידן וואלטן זיך צוזאמגעקומען אין א גרויסן שפיל פלאץ, זיצנדיג אויף די בענק, און שרייען איבער דעם באשעפער. דאס איז אן אנדערע מעשה! דאס איז צו וואס באגייסטערונג איז געמאכט געווארן!

## באגייסטערונג איבער א נאכטמאל

**און** דער אמת איז אז אויף די וועלט איז נישטא אויף וואס צו זיין באגייסטערט **אויסער** דעם באשעפער. לאמיר זאגן איר קומט אהיים פארנאכטס און איר זעט אייער ווייב האט אייך צוגעגרייט א גוטן נאכטמאל, עפעס וואס איר האט זייער ליב. אודאי זאלט איר באדאנקען אייער ווייב דערפאר - איר זענט געזעסן אין שול אדער ביי די ארבעט, ווען אין די צייט האט זי אריינגעהארעוועט אין קאך פאר אייך; אודאי זאלט איר דאנקען. איר זאלט אויך אויסלויבן די עסן - קארגט נישט מיט קיין ווערטער. און דערנאך, נאכ'ן אפעסן די נאכטמאל, זאלט איר אויך לויבן דעם באשעפער; נישט בלויז פון געוואוינהייט - איר זאלט זאגן ברכת המזון מיט מחשבה, מיט באגייסטערונג און שמחה.

אבער ווען איר שפאצירט אוועק פון טיש, זאלט איר נישט פארשמירן אייערע ליפן און זאגן צו זיך, ״כ'האב אזוי ליב געהאט די נאכטמאל.״ ניין, איר זאלט נישט ווערן באגייסטערט פון א שטיקל פלייש. ניין, ניין; דאס איז שוין א קול ענות. איר ווילט גארנישט ליב האבן אויסער דעם באשעפער. דער נאכטמאל איז געווען זייער געשמאק, אבער איר האט נישט 'ליב' דעם נאכטמאל.

## גייט נאכנישט אויף פענסיע

**אלזא**, איך וויל נישט איר זאלט מיר שלעכט פארשטיין - איר קענט זיין באגייסטערט פון עולם הזה; די וועלט איז א מערקווירדיגע פלאץ פאר כשר'ע אינטערעסן. ווען דוד המלך זאגט, ״איך גיי ארויסגיין פון די גלייזן נאר איבער דיר,״ מיינט דאס נישט אז ער האט פענסיאנירט אין א הייל פארשלאסן מיט א מעטאלענע טיר זיך אפשיידנדיג גענצליך פון די וועלט. איבערהויפט נישט! דוד המלך האט שטענדיג געזונגען אויף **די** וועלט - אבער ער האט נאר געזונגען לידער אויף דעם באשעפער. איז אויב זענט איר באגייסטערט איבער די נאטור ווייל איר האט זייער הנאה צו זען דעם באשעפער'ס וואונדער - אויב ווען איר באטראכט דיביימער און די וואלקענעס ווערט איר מער און מער איבערגענומען איבער דעם בורא, אדרבא. אבער צו ווערן ארייגעטען מיט ליבע צום נאטור צוליב נאטור; צו ווערן איבערגענומען פון די **נאטור** - דאס נישט. מען טאר נישט פארלוירן גיין אין די וועלט.

אט איז א מענטש וואס איז פארנומען מיט זאמלען מטבעות פון אלע סארטן. ווען געסט ערשיינען ביי אים אין הויז, נעמט ער ארויס זיינע זעקלעך מיט מטבעות און באווייזט עס צו זיי. ״קוק אויף די מטבע פון אזויפיל און אזויפיל יארן צוריק פון ענגלאנד!״ ער איז באגייסטערט! אבער אונז אינטערעסירט עס נישט. עס איז גארנישט שלעכט מיט אן אלטע מטבע, אבער צו זיין אזוי באגייסטערט דערפון? וואס איז דא צו זיין באגייסטערט איבער דעם?

איז אויב איר האט א זאמלונג פון פאסטמארקס און א גאסט קומט צו אייער הויז און איר ווילט אים ווייזן אייער פאסטמארקן זאמלונג, אבער ער קוקט און זאגט גארנישט. טראכט איר, "ער פארשטייט נישט צו זאכן; ער האט נישט קיין געשמאק צו אינטערעסאנטע חפצים." ניין, זאגט דאס נישט. זיי אים מחשיב; ער האט זיך מעגליך איינגעוואוינט נישט צו ווערן איבערגענומען פון נישטיגקייטן. ער האט בעסערע זאכן אין לעבן פון וואס צו ווערן באגייסטערט.

## דער באשעפער צערנט

**נאר** די אומאנטוויקלטע מענטשן וואס ליינען די צייטונגען ווערן באגייסטערט פון אזעלכע נישטיגע זאכן - ווייל די צייטונגען ציען אלעמאל א שטארקן אינטערעס אין די נארישקייטן. מען זעט דארט גאנצע אנגעפילטע בלעטער מיט שרייענדע רעקלאמעס אויף 'די בעסטע רעסטוראנטן' וואו צו ארויסגיין עסן. די בעסטע רעסטוראנטן? דאס דארף נישט צו מאכן אויף אונז קיין שום איינדרוק בכלל. פיל בלעטער זענען דארט געאייגנט פאר די געשמאקסטע וויינען - וואו מען קען באקומען די געשמאקסטע וויינען? דאס איז א באגייסטערונג איבער גארנישט.

באגייסטערונג איבער 'גארנישט' מיינט אז מען פארגעסט פון דעם באשעפער, און ער ווערט דאס נישט פארציכטן. דער באשעפער זאגט, "דו זאלסט וויסן, איך בין דער קל קנא - איך בין דער באשעפער וואס צערנט, אויב געבט מען מיין כבוד פאר א צווייטן." וּכְבוֹדִי לְאַחֵר לֹא אֶתֵּן - איך וועל נישט אוועקגעבן מיין כבוד פאר קיינעם אנדערש (ישעיה מב:ח). דערפאר שטייט, "דו זאלסט ליב האבן דעם באשעפער בכל לבבך - מיט דיין גאנצן הארץ." 'דיין גאנצע הארץ' מיינט, אלע דיינע געפילן - נישט נאר א טייל דערפון. שטארקע געפילן געהערט נאר צום באשעפער! הָבוּ לַה' כָּבוֹד וָעֹז - נאר צום באשעפער געבן מיר כבוד און מאכט! אונזער באגייסטערונג איז נאר פאר דעם באשעפער.

## חלק ב: באגייסטערונג איז א פראבע

## לויט זיינע לויבונגען

**אלזא**, ווי נאר מיר הערן דאס, הייבן מיר אן צו איינזען אז גאנץ אפט קענען מיר דערקענען א מענטש לויט די זאכן וואס ברענגען ביי אים ארויס באגייסטערונג. די אינטערעסן פון א מענטש איז א גוטע פראבע ווען מען וויל זען וואס א מענטש איז. אייגנטליך זאגט דאס שוין שלמה המלך אין משלי (כז:כא), מַצְרֵף לַכֶּסֶף וְכוּר לַזָּהָב וְאִישׁ לְפִי מַהֲלָלוֹ - א שמעלץ טאפ פאר זילבער, און א שמעלץ אויוון פאר גאלד, און א מענטש לויט זיינע לויבונגען. דאס מיינט אזוי: עס איז דא א וועג צו אויספראבירן זילבער ווי ריין עס איז און עס איז אויך דא אן אופן צו אויספראבירן גאלד.

ווי אזוי פלעגט מען אויספראבירן זילבער אין די אמאליגע צייטן? עס זענען געווען פארשידענע אופנים אבער דער בעסטער מעטאד איז געווען דורך עס צושמעלצן. עס איז דא א ספעציעלער סארט טאפ - וואס ווערט גערופן א מַצְרֵף - וואס איז געאייגנט צו אויסארבעטן זילבער. וואס טוט מען דערמיט? מען שטעלט דעם מַצְרֵף, מיט זילבער דערין, איבער א פייער און די פסולת, די אפפאל, שווימט ארויף. לויט וויפיל אפפאל עס שווימט ארויף, זעט מען ווי ריין די זילבער שטיק איז. ביי גאלד איז דא אן ענליכער מעטאד צו אויספראבירן ווי לויטער עס איז: וְכוּר לַזָּהָב - גאלד לייגט מען אין א הייסער אויוון וואס ווערט גערופן א כּוּר, וואו עס ווערט צעשמאלצן און עס ווערט אויך אויסגעלייטערט אויף דעם זעלבן אופן - די אפפאל ווערט אפגעטיילט פון די גאלד, און אזוי קען מען באשטימען ווי ריין די גאלד שטיק איז.

אלזא, דאס זענען דא מעטאדן צו אויסגעפינען ווי ריין די טייערע מעטאלן זענען. אצינד פרעגט זיך

די שאלה: דאס איז גוט פאר מעטאלן; אבער ווי אזוי קען מען אויסגעפינען וואס א מענטש איז? ווי אזוי קען מען אים אויספראבירן צו זען וואס ער איז באמת? דער פסוק פירט אויס וְאִישׁ - ווי אזוי ווערט א מענטש אויספראבירט? לְפִי מַהֲלָלוֹ - לויט זיינע לויבן.

## שידוכים עצה

**עס** זענען פאראן עטליכע ערקלערונגען אויף דעם פסוק, מיר וועלן נעמען איינע אויפאמאל. די ערשטע איז: אִישׁ - ווי אזוי קענען מיר וויסן וואס א מענטש איז? לְפִי מַהֲלָלוֹ - לויט ווי שטארק מענטשן ווערן באגייסטערט איבער אים. הער זיך צו וואס מענטשן זאגן אויף אים, ווי באגייסטערט זיי זענען מיט אים, און דו וועסט אסאך אויסגעפינען דורכדעם.

איר זאלט גוט צולייגן קאפ צו וואס איך זאג יעצט, ווייל אויב איר האט טעכטער אין עלטער פון שידוכים, געב איך אייך א גוטע עצה וואס איך בעט נישט קיין געלט דערפאר. אויב איר ווילט וויסן אויף א בחור וואס ער איז באמת, הערט אויס ווי אזוי ער ווערט געלויבט - זייט אויפמערקזאם צו וויפיל באגייסטערונג איז דא אין די לויב. ווען איר רופט דעם משגיח פון ישיבה און פרעגט זיך נאך אויף א געווויסן בחור וואס איינער האט אנגעטראגן פאר אייער טאכטער - און דער משגיח ענטפערט מיט א רואיגן קול, "יא, איך קען אים. ער איז א פיינער בחור, א פיינער בחור." דאן קענט איר פארשטיין אז ער איז נישט דער אויסדערוועלטער בחור!

דאס איז גוט צו וויסן, ווייל עס זענען דא מענטשן וועלכע האבן קיינמאל נישט אפגעלערנט דעם פסוק אין משלי מיט דעם פירוש און דאן, נאכ'ן אראפלייגן דעם טעלעפאן מיט'ן משגיח פרעגט די ווייב, "וואס האט דער משגיח געזאגט?" ענטפערט דער מאן, "ער האט געזאגט אז ער איז א פיינער בחור, און איך מיין מען קען גיין ווייטער." אבער דאס איז אן ערנסטער טעות.

## חשבונות מיט די ווערטער

**אויב** אבער דער משגיח איז באגייסטערט פון דעם בחור, אויב איר הערט א באגייסטערונג אין זיין קול ווען ער רעדט צו אייך, צאינד ווייסט איר אז עפעס איז דא דערין. איר זאלט אראפרעכענען 60% פון זיינע לויב רייד - ווייל דער משגיח איז דאך א גוטער און האט זייער ליב די בחורים - אבער דערפון קענט איר נאך אלץ אפשאצן, לויט די באגייסטערונג אין זיין שטימע, אז ער איז װארשיינליך זייער א גוטער בחור.

פארשטייט זיך דאס זעלבע איז אויך שייך ווען מען פרעגט זיך נאך אויף א מיידל און אויף סיי ווער.

דער כלל איז: אִישׁ - אויב איר ווילט וויסן וואס א מענטש איז, לְפִי מַהֲלָלוֹ - הערט אויס ווי אזוי מענטשן לויבן אים; אויב זאגט מען א שוואכע לויב, האט איר א רעכט צו חושד זיין אז עפעס טויג נישט, דאגעגן אויב איז יענער זייער באגייסטערט איבער דעם מענטש, דאס זאגט אייך אסאך.

## עס איז דא מער ווי איין פשט

**אצינד** לאמיר אפלערנען דעם צווייטן פירוש אויף דעם פסוק, לויט ווי דער רבינו יונה אין שערי תשובה ערקלערט דאס, מיט אינגאנצן אן אנדערן פשט.

צוערשט דארף איך אבער עפעס ערקלערן. ווען מען זעט צוויי פירושים - צום ביישפיל איר לערנט רבינו יונה אויף משלי און נאך וואס ער ערקלערט א פסוק זאגט ער דארט: ויש לפרש, אדער "מען קען עס ערקלערן אזוי," קען דאס אביסל צעמישן. אויב עס זענען פאראן צוויי אופנים דאס צו ערקלערן, ווייסט איר נישט וועלכע איז די ריכטיגע - און איר בלייבט הענגען אינצווישן. איר ווילט ארויסלערנען א מוסר

השכל פון דעם פסוק און יעצט ווייסט איר נישט וועלכער איז דער אמת'ער פשט.

דער ענטפער איז אז ביידע זענען ריכטיג! א פסוק קען באדייטן מער ווי איין זאך. שלמה המלך איז געווען א גרויסער חכם און ער האט געקענט אינזין האבן אלע פירושים.

אלזא, ביי דעם פסוק וואס מיר לערנען דא, לויט דער רבינו יונה האט שלמה המלך אויך געטראכט פון דעם פירוש: ווי אזוי קען מען אויספארבירן א מענטש? אִישׁ - וואס איז א מענטש? ווי אזוי קענט איר קענען א מענטש? לְפִי מַהֲלָלוֹ - דורך אויסהערן איבער וואס **ער** ווערט באגייסטערט, דאס וועט אייך אלעס דערציילן איבער אים!

## גמרא אדער ביזנעס

**צוריק** צו דער ענין פון שידוכים. אז מען וויל וויסן וואס א בחור איז, כאפט מען א שמועס מיט אים. מען הערט אויס וואס ער דערציילט און ווי אזוי ער רעדט דערוועגן. לאמיר זאגן דער בחור דערציילט אלעס וואס טוט זיך ביים אים אין ישיבה, ווי אזוי ער האט הנאה פון די שיעורים און ווי אזוי זיי לערנען אויף אן אינטערעסאנטן אופן געוויסע מסכתות און ער זאגט ווי שטארק ער וויל בלייבן ביים לערנען, וויפיל ער האט ליב צו לערנען. קען זיין ער שטעלט זיך אהער מיט זיין רעדן, אבער כאטש איז דאס די נושא איבער וואס ער רעדט. אויב ער רעדט פון זיין ישיבה, ווארשיינליך איז ער אינטערעסירט אין די ישיבה. אויב ער רעדט פון זיינע האפענונגען צו וואקסן א תלמיד חכם, ער רעדט פון זיין רבי, פון זיין משגיח און ראש ישיבה, און ער איז באגייסטערט דערפון, קען מען זיך פארשטעלן אז דער בחור איז א בן תורה.

פון צווייטן זייט, אויב דער בחור הייבט אן רעדן פון ארומפארן, וואו ער האט אלץ ארומגערייזט, ער קען זיך גוט אויס אויף די וועגן, אדער רעדט ער פון ביזנעס ענינים אדער אנדערע זאכן - דאן ווייסט איר אז דאס איז וואס אינטערעסירט אים אין לעבן.

ווי איינער האט אמאל ערקלערט די ווערטער אין די הגדה: חכם מה הוא: אומר - דאס וואס ער איז, דאס זאגט ער. דאס וואס באגייסטערט אים, דאס איז דער מענטש.

## דריי אפשאצונגען אויף א שלש סעודות

**דריי** מענטשן זענען געזעסן אין שול איינער נעבן צווייטן ביי א שלש סעודות. דער רבי האט געזאגט דברי תורה, מען האט געגעסן און געזינגען זמירות. נאכ'ן בענטשן, האט איינער פון זיי זיך אנגערופן, "אה! וואספארא גוט שטיקל תורה האט דער רבי געזאגט. עס איז געווען מורא'דיג!" דער צווייטער האט אויסגעלויבט די זמירות, דאגעגן פון די תורה האט ער אינגאנצן נישט גערעדט, "ווי הערליך זענען געווען די זמירות וואס דער עולם האט געזינגען." און דער דריטער האט אויסגעלויבט די הערינג!

אלזא, אִישׁ - ווער איז דער מענטש? לְפִי מַהֲלָלוֹ - לויט וואס עס מאכט אים באגייסטערט. אויב ווערט ער באגייסטערט פון אלעם איסער פון וואס ער דארף באגייסטערט ווערן, איז דאס וואס ער איז - ער איז אפשר א 'הערינג' מענטש.

דאס איז די פראבע. מען קען באקענען א מענטש הערנדיג ווי אזוי ער רעדט פון זאכן.

## דו ביסט וואס דו רעדסט

**אצינד** קומען מיר צו א דריטן פשט - רבינו יונה זאגט דאס נישט, אבער עס ליגט אין די ווערטער פון דעם פסוק, און עס איז זייער באדייטנד פאר אונזער היינטיגע נושא. אִישׁ - ווי אזוי קענט איר שאצן וואס

עס גייט ווערן פון א מענטש? לְפִי מַהֲלָלוֹ - לויט וואס עס מאכט אים יעצט באגייסטערט. נישט נאר יעצט איז ער דאס וואס עס מאכט אים באגייסטערט, נאר לויט דעם וועט ער זיך אנטוויקלען אין צוקומפט. אלע זאכן וואס באגייסטערן אים יעצט, דאס איז דער ריכטונג צו וואו ער שפאנט. אויב א בחור איז באגייסטערט איבער זיין רבי אין ישיבה, אויב ער איז איבערראשט איבער צדיקים, אויב איז ער פול מיט עקסטאז איבער גדולי ישראל, ער איז באגייסטערט איבער געוויסע סוגיות אין גמרא - אויף אביי און רבה, ער ווערט אויפגעהייטערט רעדנדיג פון יראת שמים און מידות טובות; דאס איז א גוטער סימן וואס עס וועט אויסוואקסן פון אים.

דאס גלייכן, אויב א מיידל איז באגייסטערט איבער איר שטוב וואס זי וויל אויפשטעלן, זי וויל האבן א אידישע שטוב מיט פיל קינדער; זי רעדט דערפון מיט פאטאס, מיט א ברען, זי רעדט איבער דעם מיט באגייסטערונג - זי וויל האבן א הויז וואס איז א מקדש מעט, א הייליגע הויז וואס איז אנגעפילט מיט קדושה און עבודת ה׳, מיט קינדער וואס דינען דעם באשעפער און גייען בדרך התורה; עס דערקענט זיך אין איר רעדן, לְפִי מַהֲלָלוֹ - דאס איז וואס זי וועט זיין, וואספארא סארט שטוב זי וועט אויפשטעלן. דאס דערציילט נישט נאר וואס זי איז, נאר אויך וואס זי וועט זיין אין צוקומפט.

## ווי אזוי צו ווערן א גארנישט

**דערפאר** איז משה רבינו געווארן אזוי אנטוישט ווען ער האט געהערט דאס קול ענות, דאס אויסגעשריי איבער ׳גארנישט׳, וואס איז געקומען פון דעם לאגער פון די אידן. איר זענט באגייסטערט איבער גארנישט?! דאס מיינט אז איר זענט גארנישט און איר גייט אויך אין דעם ריכטונג - איר וועט ווערן נאכמער א גארנישט!

אלזא, לאמיר זאגן אז געוויסע מענטשן זענען אינגאנצן אויפגעהעצט זיך צו קריגן מיט זייערע קרובים. עס איז אומגלויבליך, אבער ליידער קומען פאר אסאך אזעלכע סארט מחלוקת! דאס איז פון וואס זיי רעדן א גאנצן טאג און וואס רודערט זיי נאכאנאנד אין קאפ. און וואס פאסירט? לְפִי מַהֲלָלוֹ - דאס וואס באנעמט זיי, דאס איז וואס זיי ווערן; אזוי ווערן זיי מושחתים - מענטשן מיט פארדארבענע מידות.

אבער דער וואס רעדט פון גוטע זאכן - ער איז באגייסטערט איבער דעם באשעפער - ער וועט ווערן אלץ מער און מער מושלם. ער רעדט שטענדיג פון עבודת ה׳, ער איז פול מיט חשק איבער דעם - וועט ער ווערן אן עבד ה׳.

דאס איז א געוואלדיגער יסוד ווי אזוי מען דארף לעבן אויף די וועלט, ווי אזוי צו מצליח זיין - דו ווערסט דאס וואס באגייסטערט דיר.

# חלק ג: באגייסטערונג מאכט א מענטש

## דער פאך פון רעדן

**אצינד** קומען מיר צו דער זייער וויכטיגער ענין, פון וואס מיר דארפן רעדן אויף די וועלט. ווייל פון וואס רעדט א מענטש געוועגליך? דאס וואס איז וויכטיג ביי אים, וואס עס אינטערעסירט אים. און מיר האבן אצינד געלערנט אז ווי מער מען רעדט פון עפעס -ווי מער דו ביסט באגייסטערט דערפון - דאס איז וואס דו וועסט ווערן. ווייל ווען דו זאגסט עפעס, איז דאס נישט נאר אז דו טראכסט א מחשבה - ווייל ווען דו הערסט ווי עס ווערט ארויסגעזאגט גייט עס אריין אין דיין אויער און עס טאנצט צוריק אריין אין דיין קאפ מיט פיל א שטארקערן קראפט.

דער חובת הלבבות לערנט אונז, המחשבה נמשחת אחר הדיבור - א מענטש'ס געדאנקען ווערן נאכגעצויגן נאך די ווערטער וואס ער רעדט (שער חשבון הנפש - ג,ט). ווען דו זאגסט עפעס גייט עס אריין אין דיין קאפ; דער אויסדריק זעצט זיך אריין אין געדאנק און עס איז משפיע. דו וועסט עס אפשר נישט באמערקן גלייך. אבער אז דו האלטסט אין איין איבער'חזר'ן א געדאנק נאכאמאל און נאכאמאל, מאכט עס אן איינדרוק אין דיין מח און אויף דיין פערזענליכקייט. גלייבט מיר, עס האט א השפעה. עס ווערט א טייל פון דיר, א טייל פון דיין פערזענליכקייט און דו ביסט מער נישט דער זעלבער מענטש ווי פאר דעם. ווען דיין מח טוישט זיך, ביסטו א געטוישטער מענטש.

## ווי אזוי צו ווערן א צדיק

**אלזא**, די מענטשן וואס זענען פארנומען צו אויסלויבן צדיקים, זיי ווערן צדיקים. איר הערט דאס? עס איז זייער חשוב צו לויבן צדיקים נאכאנאנד אין אייער שטוב, צו לערנען א קינד צו ווערן באגייסטערט פון תלמידי חכמים. מען דארף רעדן אינדערהיים מיט ליבשאפט צו בני תורה. ווי מער איר קענט, זוכט געלעגנהייטן דערפאר. און דאס קינד כאפט דעם דערהער, אז אין א אידישע היים זענען תלמידי חכמים געשעצט.

מיר האבען ליב די באבוב'ער רבי! מיר האבען ליב רב יעקב קאמינעצקי! מיר האבען ליב רב משה פיינשטיין! מיר האבען ליב די סאטמאר רב. איך בין אמאל געווען הושענא רבה אין סאטמאר, פיר שעה האט ער געזאגט די הושענות! ס'איז מיר געווען א חידוש צו זעהן אזא זאך פאר פיר שעה האט ער זיך אויסגעבעטען! ס'איז אזוי געשמאק צו קוקן אויף א צדיק און צוזעהן זיין הייליגע עבודה. מיר האבען ליב אלע גדולים, אלע ראשי ישיבה, און מיר רעדן איבער זיי מיט אהבה און שעצונג!

## אויסלויבן די קליינע צדיקים

**נישט** נאר די באוואוסטע צדיקים זאל מען אויסלויבן. אויב איז דא איינער וואס איז א בעל חסד, זאלט איר אים אויסלויבן. איר זאלט ווערן באגייסטערט איבער זיין מידת החסד! אפילו אויב ער האט קיינמאל נישט געטון א חסד מיט אייך פערזענליך, אבער דער באשעפער איז אויך אן אוהב צדיקים - דער באשעפער האט ליב צדיקים. כאטש די צדיקים טוען נישט קיין טובות פאר'ן באשעפער, פונדעסטוועגן האט דער באשעפער זיי ליב - ווייל זיי זענען צדיקים. דערפאר האבן מיר אויך ליב די צדיקים, נישט ווייל זיי האבן אונז געטון טובות.

עס איז וויכטיג צו באטאנען, אז רעדנדיג דערפון אז נאר דער באשעפער און זיין תורה ומצוות דארפן אונז באגייסטערן, דארפן מיר אכטונג געבן נישט צו אויסלויבן צו שטארק קיין פשוט'ע מענטשן און אודאי נישט אזעלכע וואס זענען נאך ווייניגער דערפון אדער חלילה רשעים. אויסער אויב מען קלערט אז מיט'ן אויסלויבן א מענטש וועט דאס אים ערוועקן זיך צו פארבעסערן, דאן איז עס מותר. אבער ווען נישט, דארף מען וויסן אז לויב ווערטער דארפן זיין געאייגנט נאר פאר אזעלכע וואס עס קומט זיי די לויב על פי תורה.

## דער 'גערערטער מאן'

**א** געוויסע 'אידישע' ארגאניזאציע האט געמאכט א יערליכער באנקעט, וואו זיי האבן אויסגעוועלט א 'גערערטער מאן פאר די יאר', א פארשוין וואס האט ר"ל חתונה געהאט מיט א גוי'טע. דער מענטש איז אויפגערופן געווארן און ער האט באקומען א הערליכע אויסצייכענונג אין א גלאזערנע ראם, בשעת די אנוועזנדע אידן האבן געפאטשט פאר אים!

דאס איז אן עקסטרעמע ביישפיל ווי מענטשן פארטוישן די יוצרות, אבער אפילו א מענטש איז א פרומער, ער איז נישט קיין חוטא, אבער ער האט געמיינע מידות, ער איז נישט קיין עובד ה׳, טארן מיר נישט נתפעל ווערן פון אים. מיר ווערן נישט באגייסטערט פון מענטשן וואס זענען נישט קיין צדיקים, און אודאי נישט פון אזעלכע וואס זענען נישט קיין שומרי תורה. עֹזְבֵי תוֹרָה יְהַלְלוּ רָשָׁע - אויב איז איינער באגייסטערט פון א רשע - אפילו נאר אביסל באגייסטערט - זאל ער וויסן אז ער אליין איז אן עֹזֵב תוֹרָה, ער האט פארלאזט די תורה. ער פארלאזט דער געוואלדיגער לימוד וואס משה רבינו האט אונז געלערנט ווען ער איז אראפגעקומען פון דעם בארג סיני צו ברענגען פאר אונז די תורה.

## אומטאלעראנץ אין אמעריקא

**עס** גייט מיר נישט אן וואס איר וועט זאגן, איר וועט דאס אפשר אנרופן אומטאלעראנץ. יא! מיר זענען נישט טאלעראנט צו די עזבי תורה! שֹׁמְרֵי תוֹרָה יִתְגָּרוּ - א שומר תורה האט פיינט רשעים (משלי כח:ד). דאס מיינט נישט אז דו זאלסט זיך זוכען צרות, זוכען מיט וועם דו קענסט דיך טשעפענען, אבער דאס איז זיכער אז דו זאלסט נישט גיין אויסלויבען א רשע.

מיר דארפן אכטונג געבן וועמען מיר לויבן. צו לויבן א מענטש ווייל ער קען שיין מאלן אדער זינגען איז אן עוולה, עס איז נישט ריכטיג. מיר קענען נישט סתם אין דער וועלט אריין לויבן א מענטש. אויב איז ער א גוטער מענטש, יא, לויבט אים. וְהִצְדִּיקוּ אֶת הַצַּדִּיק - איר זאלט מצדיק זיין אן ערליכער מענטש. איר זאלט זיין באגייסטערט איבער א צדיק ביז׳ן סוף!

## דער ווארהאפטיגער צדיק

**אויב** אזוי, דארפן מיר געדענקען צַדִּיק ה׳ בְּכָל דְּרָכָיו - דער באשעפער איז דער אמת׳ער צדיק. און מענטשן וואס זענען פארנומען רעדן פון באשעפער, זיי זענען די וועלכע וועלן די מערסטע מצליח זיין צו ווערן צדיקים. דערפאר האט דוד המלך געזאגט, אֲהַלְלָה ה׳ בְּחַיָּי - איך וועל ארויסגיין פון די כלים לויבנדיג דעם באשעפער ווילאנג איך לעב!

דאס איז וואס מיר ווילן אויך - מיר ווילן רעדן נאר פון דעם באשעפער!

מענטשן וועלן דיר נישט אויסהערן? איז רעד צו דיר אליין! ווי ווייט דו קענסט, רעד פון באשעפער ווייל דו וועסט ווערן לְפִי מַהֲלָלוֹ - לויט וואס דו טוסט לויבן. דער ׳איש׳ וואס פארברענגט זיין לעבן צו רעדן איבער די גרויסקייט פון הקדוש ברוך הוא, דאס איז דער סארט מענטש וואס ער איז. דער באשעפער קוקט אראפ און זאגט, ״דאס איז מיין מענטש! א מענטש וואס איז באגייסטערט איבער מיר!״ דאס איז זייער א גוטער באוויז אויף וואס ער איז און אויך, פונקט אזוי וויכטיג, דאס וועט אים טוישן און ער וועט ווערן בעסער און בעסער.

## אויסרוימען חמץ איז געשמאק

**מיר** לויבן נישט בלויז די צדיקים, מיר דארפן אויך לויבן די ערליכע מעשים. לויב די גוטס. עס איז א גרויסע חשיבות צו לויבן עבודת ה׳. אלס טאטע צו א משפחה, ניצט אויס די געלעגנהייט זיצנדיג ביים שבת טיש מיט די קינדער און רעדט צו זיי: ווי געוואלדיגע איז צו באארן דעם שבת. וואספארא גרויסע מצוה איז דאס! עונג שבת! ווי וויכטיג איז צו עסן די מאכלים מיט די כוונה פון ׳לכבוד שבת׳. צו עסן מאכלי שבת איז געשמאק! עס מאכט פריילין!

און ווען עס דערנענטערט זיך דער יום טוב פסח זאל מען ווערן באגייסטערט ביים אויסרוימען די חמץ.

מיר דארפן ווערן איבערגענומען פון בדיקת חמץ. רעדט צו אייער פאמיליע איבער די הנאה פון די מצוה פון עסן מצה. פון סיי וואספארא מצוה איר רעדט, מאכט זיכער די מענטשן זאלן פארשטיין די שמחה של מצוה, די חשיבות פון די מצוה. דערהייבט עס; זייט באגייסטערט דערפון. דאס איז וואס דער באשעפער וויל - דאס ווערט אנגערופן גוט אין די אויגן פון באשעפער.

## באגייסטערט פון ישיבה

**אויב** זענט איר א כולל יונגערמאן, געבט ארויס אייער באגייסטערונג פון זיצן און לערנען אין כולל. איר קומט אהיים פארנאכטס און זעצט זיך צום טיש, ניצט אויס די געלעגנהייט צו אויסלויבן די ישיבה. איר קענט זאגן, "וואספארא חשוב'ע יונגעלייט לערנען אין כולל." זאגט עס. זאל די פאמיליע טראכטן אז אלע כולל יונגעלייט זענען חשוב. לויבט אויס די ראשי הכולל. לויבט אויס אלעס וואס האט צו טון מיט דעם כולל - אפילו די גשמיות'דיגע געברויכן וואס ווערן צוגעשטעלט פאר די בני כולל.

רעדט פון ווי גוט איז צו לערנען. אהה! וואספארא פארגעניגן איז דאס! מיר זיצן אין כולל א גאנצן טאג און מיר האבן א תענוג פון די גמרא. געבט אראפ ווי עס איז נישטא קיין גרעסערע פארגעניגן אויף די וועלט ווי דער געשמאק פון לערנען א שטיקל גמרא! עס איז נישטא קיין גרעסערע שמחה ווי צו דורכלערנען גרינטליך א סוגיא. און אפילו אויב איר אליין האט נאכנישט דערגרייכט צו די מדריגה, זאגט עס סייווי - ווייל דאס איז דער אמת. און ווי מער איר וועט דאס זאגן, אלץ מער וועט עס מקוים ווערן ביי אייך אליין. פונקט ווי מיר זאגן, והערב נא ה' אלקינו את דברי תורתך בפינו - מאך די ווערטער פון די תורה זאלן ווערן זיס אין אונזער מויל. פראבירט עס צו מאכן זיס אין אייער מויל.

לויבט אויס דאס דאווענען. רעדט ווי גוט עס איז צו דאווענען מיט כוונה. אהה! א מחי', א געשמאק צו דאווענען מיט כוונה! זאגט, "היינט אינדערפרי האב איך אראפגעלייגט אזא געשמאקער שחרית! עס איז געווען א נחת!" איך געדענק ווען איך בין געווען עלף יאר אלט, בין איך געשטאנען אינדרויסן פון שול און איך האב געהערט א מענטש - אן אלטער אייראפעאישער איד - האט געזאגט, "אהה! דאס איז געווען א געשמאקער מעריב," בשעת ער האט געמאכט מיט זיינע הענט תנועות פון באגייסטערונג, "עס איז געווען א נחת!" איך בין דאן געווען עלף יאר אלט און ביז צום היינטיגן טאג קען איך עס נישט פארגעסן. איך האב זיך דאן געלערנט אז מעריב איז געשמאק!

## דער פליכט פון באגייסטערונג

**דאס** איז דיין פליכט אויף די וועלט - צו זאגן הלל אויף אלעס וואס האט א פארבינדונג מיט הקדוש ברוך הוא. דאס מיינט,

אז ווי מער דו ביסט באגייסטערט איבער דעם באשעפער און ווי מער דו זאגסט הלל איבער די וויכטיגע זאכן אויף די וועלט, אלץ מער גרייטסטו זיך אויף די קומענדיגע וועלט. און דאס איז וואס משה רבינו האט אונז געלערנט אין דעם טאג וואס ער האט אראפגענידערט פון דעם בארג סיני. דאס פאלק, די אויסדערוועלטע פון באשעפער צו זיין זיינס אויף אייביג, קענען נישט זיין א פאלק מיט א קול ענות, א פאלק וואס שרייט מיט באגייסטערונג אויף גארנישט.

דערפאר זינגען מיר אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ - וואויל איז דאס פאלק אז דאס איז זיין גורל, אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁה' אֱלֹקָיו - וואויל איז דאס פאלק אז הקדוש ברוך הוא איז זייער באשעפער. ווייל דאס פאלק וואס איז באגייסטערט איבער דעם באשעפער, דאס איז דאס פאלק וואס וועט זיין מיט דעם באשעפער אויף אייביג אויף די וועלט און אויף די קומענדיגע וועלט.

# שאלות ותשובות מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**עס שטייט אין גמרא (ברכות י.) אז א מענטש זאל קיינמאל נישט אויפגעבן האפענונג און זאל קיינמאל נישט אויפהערן צו בעטן דעם באשעפער פאר זיין רחמנות, אפילו אויב א שארפער שווערד ליגט אויף זיין האלז.**

איז מיין שאלה: **פארוואס לייגט דער באשעפער דעם שארפן שווערד אויף דעם מענטש'ס האלז פון אנהייב אן?**

## תשובה:

דער ענטפער איז אז דער באשעפער לייגט דעם שווערד אויף זיין האלז כדי ער זאל בעטן דעם באשעפער פאר זיין רחמנות. דער גרעסטער תכלית פון אונזער לעבן איז נישט דאס לעבן אליין. אה ניין! דער גרעסטער תכלית פון אונזער לעבן איז אמונה - צו גלייבן אין באשעפער און צו קונה זיין אלץ מער און מער אנערקענונג אין אים.

איז אויב א מענטש האט א שארפער שווערד אויף זיין האלז און ער שרייט צום באשעפער צוליב דעם, דאס איז א דערגרייכונג. דאס איז הצלחה! סיי וואס עס פאסירט נאכדעם איז נישט וויכטיג! נאר צו לעבן, צו ווייטער לעבן אן קיין ציל, דאס איז נישט וויכטיג. וואס עס איז וויכטיג איז דאס שרייען צום באשעפער.

עס איז א גרויסע דערגרייכונג אז א מענטש טראכט, "איך שריי צום באשעפער!" אנערקענונג אין באשעפער - דאס איז די הצלחה פון א מענטש און דערפאר איז דער באשעפער גורם געשעעניש זאלן פאסירן. א מענטש ווערט קראנק איך צו ערוועקן צו שרייען צום באשעפער. אויב ער ווערט אויסגעהיילט איז ער זייער פריילין. אבער נישט דאס איז די הצלחה. די הצלחה איז געווען דאס אז ער האט געשריגן צום באשעפער. דאס איז די אמת'ע הצלחה.


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת, אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 347-755-8860**
yiddish@torasavigdor.org

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**